# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פ' כי תצא
שנה ג'

# די גרויסקייט פון א מענטש

חלק א. היסוד היסודות • חלק ב. די גרויסקייט פון די נשמה • חלק ג. געדענקען די גרויסקייט

## חלק א. היסוד היסודות

### אויפהענגען די זינדיגע

אויב א מענטש איז עובר אויף אן עבירה וואס איז חייב מיתה, זאל מען אים הרג'נען און דערנאך זאל מען אים אויפהענגען אויף א שטאנג (כי תצא כא: כב). די תורה זאגט אונז אז אויף געוויסע זינד דארף מען באשטראפן דעם זינדיגן מיט טויט שטראף וואס ווערט גערופן סקילה, פארשטיינערן. און עס שטייט (סנהדרין מה:) אז **כל הנסקלין נתלין** - אלע וואס ווערן באשטראפט מיט סקילה דארפן ווערן געהאנגען.

אנדערש ווי עס איז דער סדר צווישן די היינטיגע דעמאראליזירטע באפעלקערונג וואו אומפאסיגע רחמנות געזעצן פארגוטיגן די פארברעכער, וואס דערפאר טוען די קרימינאלן פירן די גאס, אבער אנדערש ווערן מיר באפוילן אין די תורה; **וְתָלִיתָ אֹתוֹ עַל עֵץ** - דער זינדיגער, וואס האט עובר געווען אויף געוויסע הארבע עבירות, זאל מען אויפהענגען אויף א האלץ, **וְכָל יִשְׂרָאֵל יִשְׁמְעוּ וְיִרָאוּ** - און אלע אידן זאלן הערן און זיי זאלן מורא האבן (שם.). דער זינדיגער, שוין נאך וואס מ'האט אים גע'הרג'ט, ווערט זיין קערפער פארשעמט ברבים כדי צו ווייזן דעם שטראף וואס ווערט געגעבן פאר ווער עס טוט זיך פירן מיט עזות קעגן דעם רצון פון באשעפער.

### אויף א קליינע וויילע

אבער אינטערעסאנט איז, וואס עס שטייט ווייטער אין קומענדיגן פסוק, **לֹא תָלִין נִבְלָתוֹ עַל הָעֵץ** - זאלסט נישט לאזן זיין קערפער הענגען דארט איבערנאכט (שם.). א מענטש זאל הענגען ברבים?! אה ניין! "לאז אים נישט הענגען פאר צו לאנג," זאגט דער פסוק. און צוליב דעם באפעל, איז די הלכה אז ווען מ'איז מקיים די מצוה "און דו זאלסט אים הענגען אויף א שטיקל האלץ," קומט דערנאך **מתירין אותו מיד**, מען נעמט אים גלייך אראפ צו מקיים זיין די ווערטער "זאלסט אים נישט לאזן הענגען (סנהדרין מו.).

אזא פלוצלינגדיגער טויש אינעם גאנג דארף מען פארשטיין. און אזוי ערקלערט אונז דער פסוק: **כִּי קִלְלַת אֱלֹקִים תָּלוּי** - ס'איז א בזיון פאר'ן באשעפער ווען א מענטש בלייבט הענגען.

אלזא, מיר רעדן דא פון א מענטש וואס עס קומט זיך אים טויט שטראף - אויב א אידישער בית דין האט גע'פסק'נט פאר א מענטש אז ער איז חייב מיתה מיינט עס אז ס'איז נישטא קיין שום

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

שפור פון א ספק אז ער איז שולדיג. ס׳איז זיכער אז ס׳קומט זיך אים. און דערפאר, פארוואס זאל מען אים נישט לאזן דארט הענגען? נאך אלעם איז דאך דאס דער ציל פון די מצוה - מיר ווילן יעדער זאל זען וואס ס׳פאסירט אויב מ׳טוט מורד זיין אין די תורה!

## נישט פארשוועכן דעם באשעפער׳ס כבוד

יא, זיכער אזוי! אויסדריקליך! און דאך זאגט דער באשעפער, ״נעם אים סייוויי אראפ. נעם אים גלייך אראפ ווייל ס׳טוט מיר פארשעמען ווען א מענטש בלייבט הענגען.״ ס׳איז א **קִלְלַת אֱלֹקִים**, ס׳טוט גרינגשעצן דעם באשעפער. קללה איז פון לשון קל, לייכטקייט, גרינגשעצונג. דאס מיינט אז דער באשעפער אליין ווערט פארשעמט ווען מען פארשעמט א מענטש.

פארוואס איז עס אזוי? ווי אזוי טוט עס פארשוועכן דעם באשעפער׳ס כבוד ווען א מענטש הענגט? ווייל **כִּי בְּצֶלֶם אֱלֹקִים עָשָׂה אֶת הָאָדָם**, ׳א מענטש איז באשאפן געווארן אין א געטליכן פארעם׳ (בראשית ט:ו) און נאך שטייט, ׳אין דעם פארעם פון באשעפער האט ער געמאכט דעם מענטש.׳ (רש״י; כי תצא) ווען דער טויטער מענטש הענגט אויפ׳ן תלי׳, איז עס ווי די צורה פון באשעפער הענגט.

## דער צווילינג איז א בזיון

די חז״ל (סנהדרין מו:) ערקלערן עס אזוי: ״ס׳האט אמאל פאסירט אז צווילינג ברידער - אידענטישע צווילינג - האבן געוואוינט אין זעלבן שטעטל. פיל יארן זענען אריבער און מיט די צייט איז איינער פון זיי געווארן קעניג. ער איז געווען א קלוגער און באליבטער מענטש, און ער האט זיך ארויפגעארבעט צו זיין א טייל פון די אריסטאקראטיע פון שטעטל ביז ער איז ענדליך אויסגעוועלט געווארן אלס קעניג. זיין צווילינג ברודער, דאגעגן, האט נישט אזוי מצליח געווען - ער האט זיך אויסגעוועלט אן אנדער פאך; ער איז געווארן א גנב, א באנדיט וואס האט געלאקערט אויף רייזנדע אויף די וועגן אינדרויסן פון שטעטל.

ענדליך איז דער באנדיט געכאפט געווארן און פאראורטיילט געווארן צום טויט. דאס איז געווען אין א תקופה ביי די גוים פון די אלטע גוטע צייטן - ווען א באנדיט אויף די וועגן איז גע׳הרג׳ט אדער געהאנגען געווארן. אויב די מער ליבעראלע מענטשן וואלטן געווען אין קאנטראל וואלט ער זיך ארויסגעדרייט מיט אן אפגעהאקטע האנט - אבער אזוי פלעגן די רוימער טון פארצייטנס. זיי פלעגן לאזן דעם קערפער הענגען אויף די תלי׳ צו ווארענען אנדערע: ״קיין שום באנדיט ווערט דא נישט טאלערירט!״ און עס האט געארבעט. א מענטש האט געטראכט איין מאל און א צווייטע מאל און א דריטע מאל איידער ער האט אויסגעוועלט אזא פאך ווי צו זיין א גנב.

אלזא דער באנדיט, דער קעניג׳ס אידענטישער צווילינג, איז געהאנגען אויף די תלי׳ אין שטאטישן צענטער און שושקעריין זענען ארומגעגאנגען צווישן די בירגער: ״וואס גייט דא פאר?! דער קעניג הענגט! אונזער קעניג הענגט אויף א תלי׳!״ דאן, ציוה המלך והורדהו - דער קעניג האט ארויסגעגעבן א באפעל: ״נעמט אים שוין אראפ.״ ס׳איז א בזיון פאר דעם קעניג ווייל זיי האבן די זעלבע צורה און ווען מענטשן קוקן דערויף זאגן זיי אז עס איז דער קעניג וואס הענגט.

## ער זעט אויס ווי מיר!

און דערפאר, זאגט די גמרא, זענען מיר באפוילן אראפצונעמען דעם געהאנגענעם. דאס איז ווייל **בְּצֶלֶם אֱלֹקִים עָשָׂה אֶת הָאָדָם**, דער מענטש איז געמאכט געווארן אין פארעם פון זיין באשעפער און עס איז א בזיון פאר׳ן באשעפער אז זיין געשטאלט הענגט מיט שאנדע. דער באשעפער זאגט, ״נעם אים אראפ ווייל ער זעט אויס ווי מיר.״

וואס דאס לערנט אונז איז, אז די ווערטער וואס באשרייבן די בריאה פון דער מענטש אין אנהייב פון די תורה - ״אדם איז באשאפן געווארן אין פארעם פון באשעפער״ - איז נישט סתם מליצות. אה ניין! די

דערקלערונג וואס דער באשעפער האט געמאכט גאנץ אין אנהייב פון בריאת העולם איז זייער פאקטיש - גענוג פאקטיש אז דערפאר דארף מען אראפנעמען דעם קערפער פונעם זינדיגער פון די תלי׳ ווייל ער האט א צלם אלקים, א פארעם פון זיין באשעפער. און ס׳איז אזוי וויכטיג, אז טראץ וואס מען הענגט אויף דעם בעל עבירה צו לערנען די באפעלקערונג וואס עס פאסירט ווען מ׳זינדיגט קעגן דעם באשעפער, קענען מיר אים נישט לאזן דארט. סיי וואספארא ריווח מ׳קען פארדינען דורך לאזן דעם זינדיגן הענגען, איז דער לימוד פון דער צלם אלקים אויף די צורה אויף יעדן מענטש נאך וויכטיגער.

דאס איז די וויכטיגסטע! דער יסוד היסודות פון תורה! איינע פון די ערשטע זאכן וואס ווערן דערמאנט אין די תורה, איז צו וויסן אז א מענטש איז א צלם אלקים. דערפאר דארף מען גוט פארשטיין דער ענין. אויב לערנען מיר דאס נאר אויבערפלעכליך און מיר גייען ווייטער צו די אנדערע עניני התורה, דאן, כאטש מיר קענען בויען א גרויסער תורה׳דיגער בנין, וועט אבער דער בנין שטיין אויף שוואכע יסודות. איינע פון די יסודות פון די תורה איז צו פארשטיין אז ווען מיר קוקן אויף א פנים, קוקן מיר אויף די צורה פון באשעפער.

## אינו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף

אלזא, דאס זענען די מערסטע שטוינענדע ווערטער וואס איר קענט הערן. אין די צייט וואס די תורת ה׳ לערנט אונז אז דער באשעפער איז פיל העכער פון יעדער פיזישער באגריף, ווי אזוי שטימט עס מיט דעם אז **בְּצֶלֶם אֱלֹקִים עָשָׂה אֶת הָאָדָם**, אז דער מענטש׳ס פנים איז אן אפשפיגלונג פון דעם געטליכן באשעפער?! דאס הערט זיך אומפארשטענדליך לויט׳ן פשוט׳ן אפטייטש, און דערפאר פראבירן דאס מענטשן צו ערקלערן אז דאס איז בלויז העכערע זאכן.

אין אמת׳ן מיינט עס טאקע מער ווי דער פשוט׳ער טייטש. "דער פארעם פון באשעפער" אויף דער פנים פונעם מענטש? זיכער איז דאס נאר בדרך משל, קיינער קען נישט ווירקליך פארשטיין וואס דאס מיינט; ס׳איז אוממעגליך צו דערגרונטעוון אזא זאך. און ס׳איז קעגן די אמונה. איינער וואס טראכט אז דער באשעפער האט פאקטיש אויגן, איז א מין לויט דעם פסק פון רמב"ם; ער פארלירט זיין טייל אין עולם הבא ווייל ער גלייבט נישט אין באשעפער - נישט אין דעם אמת׳ן באשעפער. אודאי האט נישט דער באשעפער קיין נאז! ער האט נישט קיין אויערן און ליפן און באקן! אויסדריקליך נישט! און דאך זאגט דער באשעפער, "איך זאג דיר אז דו ביסט באשאפן געווארן אין מיין פארעם." און כאטש דאס איז בלויז אן אויסדרוק פון שפראך, פארנעמט דער פשוט׳ער באדייט אויך אן ארט.

## דער פערציג יעריגער שיעור

אלזא, מיר דארפן גוט, גוט דורכלערנען אט דער ענין פון צלם אלקים. ס׳איז א ברייטע נושא און פאדערט שעות דאס צו דורכלערנען. און עס איז שוין געטון געווארן! אין אייראפע, האט דער אלטער פון סלאבאדקע זצ"ל גערעדט אויף די נושא פון צלם אלקים פערציג יאר!

איך האב אמאל געזאגט צו אן אלטער סלאבאדקער תלמיד, אז א מענטש האט מיר געזאגט אז ער איז געווען אין סלאבאדקע און ער האט געהערט אזויפיל איבער דעם אז עס קריכט שוין ארויס פון זיינע אויערן. האט מיר דער סלאבאדקער תלמיד געזאגט אז דער מענטש האט געהאט א טעות - ער האט נאכנישט געהערט גענוג! ווי מער מען הערט, אלץ מער פארשטייט מען אז מ׳האט נאכנישט געהערט גענוג.

עס ווערט דערציילט אז ווען דער אלטער פון סלאבאדקע האט פארלאזט די שטאט סלאבאטקע אויף זיין וועג זיך צו באזעצן אין ארץ ישראל, האבן אים זיינע תלמידים באגלייט ביז דעם גרעניץ פון ליטע. דער אלטער איז געזעסן אין באן און גערעדט צו זיי דורכ׳ן פענסטער בשעת זיי זענען געשטאנען ביי די סטאנציע און אזוי ווי דער באן האט אנגעהויבן פאמעליך ארויסצופארן האבן זיי שפאצירט זייט ביי

זייט מיט'ן באן, צו ארייננכאפן און זיין מיט אים נאך די לעצטע געציילטע מאמענטן. דאן איז געקומען א פאליציאנט און זיי פארטריבן פון נעבן דער פארנדער באן. און אט דאס זענען די לעצטע ווערטער וואס זיי האבן געהערט פון זייער רבי. דער רבי האט געזאגט: "מיר ווילן אים גרויס מאכן אבער ער לאזט אונז נישט."

דאס איז געזאגט געווארן בדרך הלצה אבער עס האט געמיינט אזוי: פערציג יאר האט דער אלטער געלערנט מיט זיינע תלמידים איבער די גרויסקייט פון די מענטשהייט, און דאס איז א יסוד אין די תורה וואס ער האט געוואלט פארזעצן צו לערנען ביז זיינע לעצטע מינוטן מיט זיינע תלמידים. "פארגעסט נישט קיינמאל דעם יסוד," האט ער זיי געווארנט, "די תורה לערנט אונז ווי אזוי זיך צו באציען צו א מענטשליך פנים! אזוי ווי צו דער **צלם אלקים**!"

## חלק ב. די גרויסקייט פון די נשמה

### וואשן דאס געשטעל

די גמרא (שבת נ:) זאגט, **רוֹחֵץ אָדָם פָּנָיו לִכְבוֹד קוֹנוֹ** - א מענטש זאל זיך וואשן זיין פנים פאר'ן כבוד פון זיין באשעפער, און רש"י ערקלערט דארט וואס דאס מיינט: ווען דער באשעפער האט אונז געלאזט וויסן **בְּצֶלֶם אֱלֹקִים עָשָׂה אֶת הָאָדָם**, אז ער האט באשאפן דעם מענטש אין זיין פארעם, האט ער געוואלט מיר זאלן געדענקען אז מיר דארפן אנהאלטן די שיינקייט פון די צורה וואס איז אין פארעם פון באשעפער, דורך עס וואשן.

דאס איז ווי א קעניג וואס געבט א הערליכע אויסגעשניצטער געשטעל פון זיך אלס א מתנה פאר איינע פון זיינע אונטערטאנען. יעצט לאמיר זאגן, צוויי וואכן שפעטער קומט דער קעניג באזוכן דעם מענטש אין זיין היים און זעט אז עס האט זיך אנגעקליבן שטויב אויף דאס געשטעל; דער קעניג זעט שפין געוועבעכץ הענגט אראפ פונעם שטערן פון דאס געשטעל. דערפון פארשטייט ער אז זיין פריינט טראכט נישט צופיל פון אים. אבער אויב דער פריינד וואשט יעדן טאג אפ דעם קעניג'ס געשטעל און האלט עס שיין און ריין, ווייסט דער קעניג אז דער אונטערטאן שעצט זיין מתנה; עס ווייזט אז ער אנערקענט זיין ווערד.

דערפאר זענען מיר מחויב צו וואשן אונזער פנים יעדן טאג. נישט ווייל מיר ווילן אז מענטשן זאלן קוקן אויף אונז, אונז צו שעצן; מיר וואשן אונזער פנים ווייל עס איז דער צלם אלקים וואס מיר וואשן. יעדן אינדערפרי טוסטו אפוואשן דיין פנים צוליב די ענדלאזע גרויסקייט פון באשעפער וואס שיינט ארויס פון דיין פנים.

### א מטבע פאר דיין פנים

ס'איז א שאד אז היינט ווערט די וועלט געלערנט צו באטראכטן א מענטש און זען אין אים בלויז א הויפן פון כימישע מאטריאלן. דאס איז וואס מען פרעדיגט אין די אוניווערזיטעטן - דאס גאנצע וואס דו ביסט איז א צוזאמשטעל פון א געוויסער מאס פון ניטראגען און קאלציום אויסגעמישט מיט זווערשטאף און הידראגען און אפאר אנדערע באשטאנדטיילן. אויב דו זאלסט נעמען די אלע באשטאנדטיילן און עס אפטיילן און פראבירן צו פארקויפן פאר אן אפטייקער, וועט ער דיר אפשר געבן פינף צענט אדער צען צענט דערפאר. איז דאס וואס א מענטש איז?

אה ניין! ס'איז דא א באהאלטענע שיינקייט אויף א מענטש'ס פנים; ס'איז די אינטערעסאנטסטע זאך אין די וועלט. ס'איז נישטא נאך עפעס וואס איז אזוי ציענד, קיין זאך איז נישט אזוי נאבל און אינטערעסאנט ווי א מענטש'ס פנים. אין די גאנצע וועלט איז נישטא עפעס וואס פארגלייכט זיך דערצו. אויב דו וועסט ארומרייזן איבער די וועלט צו ווייטע לענדער; אויב דו וועסט דורכשפרייזן ריזיגע מדבריות

און קריכן אויף די העכסטע בערג; וועסטו קיינמאל נישט זען עפעס אין די וועלט מער אינטערעסאנט ווי א מענטשליך פנים. די נאבלקייט פון א מענטש׳ס צורה האט נישט קיין פארגלייך.

איך זע די געהויבנקייט אויף דיין פנים. איך זע נישט בלויז דיין פנים; איך זע דיין שטערן, דיין נאז און דיינע אויגן. דיין פנים איז פול מיט חן, ס׳איז שטוינענד! איך זע די וואונדערליכע ליפן וואס קענען רעדן ווערטער! איך זע די אויסדרוקספולע אויגן קוקן אויף מיר. דו קוקסט אויף א מענטש׳ס אויגן און זיי דרוקן אויס חכמה; זיי דרוקן אויס א טיפקייט פון פארשטאנד און איידלקייט און געפילן, א טיפקעט וואס זעט אויס ענדלאז. אפילו די אויסדרוקן אויף דיינע באקן. דער אופן ווי אזוי די באקן באוועגן זיך; דער אויסדרוק פון געפילן, דער שמייכל אדער אומעט - ס׳איז נישטא נאך עפעס אזוי נאבל אין דער וועלט. א צלם אלקים! דו ביסט א פארבילד פון באשעפער!

## דער סוד פון דער פנים

אלזא, מיר דארפן זיך אפשטעלן דא פאר א מינוט און זיך פרעגן: פארוואס איז דער מענטשליך פנים באשאנקען מיט אזא ליכטיגקייט און הערליכע נאבלקייט אז עס זאל ווערן באטראכט ווי א צלם אלקים, אן אפשפיגלונג פון באשעפער אליין? וואס איז דאס וואס מאכט דער פנים פון א מענטש אזוי נאבל און ציענד?

און דער ענטפער איז אז עס איז די נשמה, די זעל, וואס טוט ארויסלייכטן פון דער פנים פון א מענטש. און וואס איז דער מקור פון די נשמה? וואס איז דער סוד פון די נשמה? עס איז א חלק אלק ממעל. ס׳איז א חלק פון באשעפער! **וַיִּפַּח בְּאַפָּיו נִשְׁמַת חַיִּים** - דער באשעפער האט אריינגעבלאזן אין די נאזלעכער פון מענטש דער אטעם פון לעבן. אָהָ אַהָ! דאס איז א פסוק צו לערנען! ס׳איז א שאד אז מיר האבן אנגעהויבן לערנען חומש ווען מיר זענען געווען קינדער און מיר האבן זיך צוגעוואוינט צו די ווערטער ווי א קינד טראכט; מיר האבן זיך קיינמאל נישט געבאדערט עס צו דורכטון. די ווערטער ענטהאלטן א יסודות׳דיגע לערע מיט א טיפע וויכטיגקייט.

## די נצחיות וואס ליגט אין א מענטש

נשמת חיים, דער אטעם פון לעבן, ווערט נישט דערמאנט אין צוזאמענהאנג מיט קיין שום אנדערע לעבעדיגע באשעפעניש. עס שטייט אז דער באשעפער האט אויסגעפארעמט די אנדערע באשעפענישן. ער האט נישט אריינגעאטעמט אין קיין איינע פון זיי און דאך לעבן זיי. איז קענען מיר אויך לעבן אן דעם אטעם פון באשעפער; צוליב וועלכן צוועק האט דער באשעפער אריינגעאטעמט אין דעם מענטש?

דאס איז ווייל ווען מען בלאזט, בלאזט מען ארויס פון זיך. און, ווען דער באשעפער האט אריינגעבלאזן אין דער מענטש, האט ער אריינגעבלאזן פון זיך. דאס מיינט אז אין דער מענטש איז דא עפעס פון געטליכקייט! דאס איז וואס עס מיינט ווען עס שטייט, "דער מענטש איז געמאכט געווארן אין דער פארעם פון באשעפער."

מיר דארפן אריינקלערן אין די ווערטער ווייל עס ווערט נישט ריכטיג פארשטאנען. עס ווערט אנגענומען מיט׳ן באדייט אז ס׳איז דא עפעס א לייכטע אפשפיגלונג, עפעס א פארגלייכונג פון דער מענטש צו זיין באשעפער. אה ניין! דער חומש רעדט נישט קיין מליצות. דאס איז כפשוטו! עס רעדט פאקטיש און זאגט אזוי קלאר ווי עס קען נאר זיין, אז **בְּצֶלֶם אֱלֹקִים עָשָׂה אֶת הָאָדָם** - ער האט געמאכט דער מענטש אין זיין פארעם! דאס איז ווייט אריבער פון וואס איר וואלט נאר אמאל געזאגט איבער זיך - דאס מיינט פאקטיש אז עס איז דא עפעס פון דעם באשעפער אינעם מענטש.

אלזא, דער באדייט דערפון מוז אודאי ווערן ערקלערט ווייל דער באשעפער האט נישט קיין שום פארעם; אויסדריקליך נישט. אבער ער האט זיכער גרויסקייט און כבוד. און זיין גרויסקייט און כבוד זענען נצחיות. ער האט חכמה און זיין חכמה איז נצחיות. ער האט שלימות פון יעדן סארט און זיין שלימות איז

נצחיות. און ווייל דער באשעפער איז בלי גבול ובלי תכלית, ווייל ער איז נצחיות׳דיג גרויס, איז וואס ער לייגט אריין אין די מענטשהייט איז אויך נצחיות.

דאס מיינט נישט אז דו ביסט שוין בשלימות אבער עס מיינט אז דו ענטהאלטסט אין דיין נשמה די מעגליכקייט פאר ענדלאזע שלימות. **בְּצֶלֶם אֱלֹקִים עָשָׂה אֶת הָאָדָם** מיינט אז דער מענטש האט אין זיך דער פאטענציאל פאר נצחיות׳דיגע נאבלקייט, נצחיות׳דיגער כבוד, נצחיות׳דיגע חכמה און נצחיות׳דיגע שלימות.

אודאי, קיינער וועט נישט לעבן גענוג לאנג צו קענען ארויסברענגען די אלע כוחות וואס ליגן באהאלטן אין זיין נשמה. אבער ווילאנג דו לעבסט האסטו די מעגליכקייט וואס מער ארויסצוברענגען די אפשפיגלונג פון דעם באשעפער׳ס נצחיות׳דיגע שלימות. און דאס איז אזא וואונדערליכע אפשפיגלונג, אז אויב וואלסטו געקענט לעבן אויף אייביג וואלסטו געקענט ארויסציען פון דיר ענדלאזע און נצחיות׳דיגע גרויסקייט.

## א קעגנערשאפט צו די מענטשהייט

און ווייל דער ענין איז אזוי וויכטיג, ווייל עס איז דער יסוד פון די תורה, דערפאר ווערט ארויסגעשטעלט אויף דעם געוואלדיגע קעגנערשאפט, וואס אין די לעצטע הונדערט יאר איז די קעגנערשאפט געשטיגן פיל מער ווי סיי ווען פריער. דאס איז די טעאריע פון עוואלוציע; דער ווינט פון אנטוויקלונג איז אן אפענע אטאקע קעגן דער ענין פון גדלות האדם; עס איז אן אפענע מלחמה קעגן דער תורה יסוד פון צלם אלקים. די רעגירונג געבט אויס ביליאנען פון דאלארן צו העלפן עוואלוציאנערן פירן זייער מלחמה. ביליאנען פון דאלארן! נ.א.ס.א. (NASA) פראבירט צו ארויפשיסן ראקעטן צו אלע פלאנעטן כדי צו אנטדעקן עפעס אנדערע באשעפענישן וואס האבן זיך פערצופאל אנטוויקלט דורך אנדערע אופנים.

דאס איז א גייסט וואס שוועבט איבער די גאנצע וועלט; מען רעדט פון עוואלוציע, שמעוואלוציע, וואו מען דרייט זיך. אויב מ׳זאל באטראכטן וויפיל ליטעראטור זענען געשריבן געווארן צו דערנידערן דעם מענטש, אויב מ׳זאל זיך אומקוקן אין די ביבליאטעקן און די אינסטיטוציעס, אויב מ׳זאל באטראכטן די שפענדונגען פון די רעגירונגען, וויפיל פארשידענע אפטיילונגען פון פארשונגען זענען אויפגעשטעלט געווארן אויף די טעמע, וועט מען זען אז עס איז נישטא קיין זאך אין די וועלט וואס באקומט אזויפיל אויפמערקזאמקייט ווי די אטאקע קעגן די גרויסקייט פון די מענטשהייט.

## א מענטש איז נישט קיין פיש

נישט נאר וואס די גרויסקייט פון די מענטשהייט ווערט פארזען - נאכמער, עס ווערט פארשוועכט און דערנידערט. די גוי׳ישע וועלט וויל נישט הערן וואס די תורה זאגט - זיי זענען צו פארנומען צו וועלן גלייבן אז דו ביסט בלויז א שטארק אנטוויקלטער באשעפעניש; א פיש וואס איז ארויסגעקומען פון די וואסער און ס׳איז אים צוגעוואקסן פיס. איך טו אייך אפשר איבערראשן דערמיט אבער דער ענין פון אדם, וואס איז באשאפן געווארן מיט א צלם אלקים, מיינט נישט נאר אידן. אדם מיינט די גאנצע מענטשהייט. אין סלאבאדקע האט מען קיינמאל נישט אנגערופן א גוי מיט׳ן טיטל שגץ. שגץ קומט פונעםווארט שקץ - גרויליג. זעקס יאר בין איך געווען אין סלאבאדקע, קיין איין מאל האב איך נישט געהערט זאגן שגץ אויף א גוי! ווי אזוי קען מען דען זאגן שגץ אויף א מענטשליך פנים?! ווי אזוי קען מען זאגן שגץ אויף א צלם אלקים?!

און דאך, די וועלט וויל נישט אנערקענען אין זייער אייגענע גרויסקייט. א מענטש ווערט באטראכט ווי נאך א סארט חי׳; א באשעפעניש מיט געוויסע כאראקטערן און גלוסטענישן. אלע בהמה׳ישע גלוסטענישן ווערן באשיינט אין די צייטונגען. די טעלעוויזיעס און ביכער זענען פול מיט ליצנות; זיי זענען פארנומען מיט אפשפעטן פון מענטשליכע כאראקטערס, מאכנדיג חוזק פון מענטשליכע שוואכקייטן. דאס מיינט אז

זיי זענען פארנומען מיט איגנארירן דעם כבוד וואס זיצט אין די מענטשן; זיי טוען אלעס וואס זיי קענען צו נעמען דאס בילד פון באשעפער און עס דערנידערן צום שטאפל פון די חיות. ס'איז א שאד אז די וועלט האט גענומען זייער צורה פון אלקית, די מתנה פון גרויסקייט, און איינגעטונקען דעם פנים אין בלאטע. זיי האבן גענומען א הערליכע צורה און עס פארשמירט מיט שמוץ.

## א ריכטיגע אפשאצונג

די גאנצע וועלט היינט צוטאגס טראכטן ווי קינדער וועלכע האבן נישט קיין געלערנטקייט, זיי האבן נישט די מעגליכקייט צו זען אריבער די אויבערפלעכליכקייט און דערפאר טוען זיי זיך קאנצענטרירן אויף די בהמה'ישע פונקציעס פון דער מענטש. א ביישפיל פון דעם איז א בילד פון א אינגל וואס זיצט אויף א מילך קעסטל ביים ווינקל פון גאס און טראכט אויב זיין לערער אין שולע איז א גוטער לערער אדער נישט. ער זאגט, "ווען דער לערער בייגט זיך איבער צו מיר און ווייזט מיר וואו מ'האלט, שמעקט נישט גוט פון זיין מויל." דאס איז זייער מעסטונג אויף א מענטש!

לאמיר זאגן אז אט דער אינגל בילד וואלט אריבערגעפירט געווארן צו א תקופה פון צוויי הונדערט יאר צוריק, איידער די מענטשן האבן גענוצט זייף; עס איז געווען א פאקט ביי מענטשן אז זיי האבן נישט אלעמאל געהאט א גוטער ריח. דאס קען מען פשוט נישט העלפן אן קיין זייף. מענטשן האבן נישט געהאט קיין בעדער אין זייערע היימען; זיי האבן נישט געהאט קיין הייסע וואסער. עס איז געווען א שווערע מלאכה זיך צו קענען ארומוואשן. א הייסע באד? אפילו די קעניגן עליזאבעט האט זיך ארומגעוואשן אין א הייסע באד בלויז איין מאל א יאר. ס'איז געווען א גרויסארטיגער פראיעקט! אלזא, אויב וואלט איר צוריקגעפירט געווארן צו יענע תקופה און איר וואלט נישט געלערנט איבער דער ענין פון צלם אלקים, וואלט איר זיך אפגעשאקלט פון אלע גרויסע לייט וועלכע האבן דאן געלעבט. גרויסע העלדן, גרויסע חכמים און וויסנשאפטלער, וואלטן גארנישט ווערד געווען ווייל פונקט ווי א הונט, וואלט איר געגעבן איין שמעק און זיי אפגעשטויסן. דאס זענען סטאנדארטן פון אפשאצונג פון א הונט.

## ארויפקוקן אויף די מענטשהייט

דאס מיינט אז די פעלקער טוען אויסטוישן זייער כבוד, זייער צלם אלקים, אויף א בהמה'ישע אפשאצונג. דערפאר טוען זיי זיך נאכאנאנד באשמירן מיט שמעקעדיגע זאלבן. אנשטאט זיך צו ארומוואשן מיט זייף טוען זיי דאס אויפטוישן מיט זאלבן ווייל דאס איז זייער אפשאצונג פון א מענטשליכע פערזענליכקייט - ער שמעקט גוט.

אבער פאר די וואס פארשטייען צו א מענטש, זענען די אלע זאכן ווערדלאז. ווען מיר לערנען די תורה, ווען מיר לערנען די ווערטער בְּצֶלֶם אֱלֹקִים עָשָׂה אֶת הָאָדָם, א מענטש איז געמאכט געווארן אין פארעם פון דער באשעפער, וואס דאס איז באדייט אן ענדלאזע גרויסקייט; מיר וועלן קיינמאל נישט אנקומען צו פארשטיין ווי גרויס דאס איז ווייל ס'איז ענדלאז - יעדער מענטש האט אן ענדלאזער קוואל פון חכמה און נאבלקייט אין זיך.

## חלק ג. געדענקען די גרויסקייט

## דער ווערד דערקענט זיך פונדרויסן

אלזא, אין וואספארא אופן האט דער באשעפער אנטפלעקט די גרויסקייט פון א מענטש אויף די וועלט? דער ענטפער איז, בְּצֶלֶם אֱלֹקִים עָשָׂה אֶת הָאָדָם; דורך די אפשפיגלונג פון זיין פארעם וואס ער האט געלייגט אויף א מענטש'ס פנים. דער פנים איז א פענסטער דורך וועלכן די נשמה שיינט ארויס; די

זעל געבט ארויס זיין אפשפיגלונג אויפ'ן פנים כדי דיר צו ערוועקן צו אנערקענען די גרויסקייט וואס א מענטש באזיצט אין זיך.

דאס קען מען ערקלערן מיט א משל. ווען דו קויפסט א דיאמאנט רינגל אלס מתנה פאר דיין ווייב; כאטש וואס עס קען האבן דערין אריינגעזעצט דער טייערסטער דיאמאנט, וועסטו עס נישט אהיימברענגען אין א ברוינע פאפירענע זעקל. אויב ברענגסטו עס אין א פאפירענע זעקל וועט זי פרעגן, "וואס ליגט אינעווייניג?" אודאי וועסטו איר זאגן, "זאלסט וויסן, דאס האט מיר אפגעקאסט אסאך געלט." זי וועט אריינקוקן און עס נישט ריכטיג אפשאצן. איז וואס וועסטו טון? דו וועסט זאגן פאר'ן צירונג פארקויפער, "מאך זיכער צו לייגן די דיאמאנט רינגל אין א טייערע לעדערנע שאכטל, וואס זאל האבן א בלויע סאמעטענער הינטערגרונד מיט א זיידענער אונטערשלאק אויפ'ן דעקל." אה יא! יעצט וועט זי איינזען אז דער דיאמאנט איז טאקע עפעס ווערד.

ס'איז א שאד אז מיר האבן פארלוירן די מעגליכקייט צו שעצן די גרויסקייט פון א מענטש; דאס איז ווייל מיר טוען זיך פארהוילן פון דעם גרויסן יסוד פון צלם אלקים. מיר איגנארירן די הערליכע לעדערנע שאכטל און די בלויע סאמעט - דאס איז דער פנים פון דער מענטש - וואס דאס דארף באטאנען וואספארא דיאמאנט אונזער נשמה איז. א מענטשליכער פנים, מיט זיין חכמה, זיינע געפילן, זיינע רעאקציעס, זיינע שטרעבונגען און אלע געוואלדיגע אויסדרוקן וואס א מענטשליכער פנים געבט ארויס, דאס דארף צו זיין א דערמאנונג פאר אונז - דער צלם אלקים דארף ערוועקן אין אונז אן אנערקענונג אין די נצחיות'דיגע גרויסקייט וואס דער באשעפער האט אריינגעאטעמט אין דער מענטש.

## פראקטיצירונג ברענגט שלימות

איך פארשטיי אז דאס הערט זיך איבערגעטריבן. איר מיינט אז איך בלאז עס אויף, איך מאך א גאנצע מעשה פון גארנישט. אבער דער אמת איז אז מיר טראכטן אזוי ווייל מיר זענען דערווייטערט פון דער רוח התורה. דער באשעפער זאגט אונז אז ער האט אונז געמאכט - דאס איז דו און דו און דו - בצלם אלקים, און ער וויל מיר זאלן דאס אריינעמען אין אונזערע קעפ.

לאמיר עס טאקע יעצט פראקטיצירן. קוקט אריין איינער אין דעם צווייטן'ס פנים. קוקט זיך ארום אויף די מענטשן ארום אייך. עס זענען דא הערליכע פנימ'ער ארום אייך. יעצט זאגט צו זיך, "דער פנים איז א פארעם פון דער באשעפער." דו דארפסט עס זאגן נאכאנאנד, נאכאמאל און נאכאמאל, ביז עס דרינגט אריין אין דיין מח אז עס איז א פאקטישער זאך. און הבא לטהר מסייעין לו; דער באשעפער וועט העלפן דערצו, און מיט די צייט, דורך די איבונגען, וועסטו קונה זיין א געוויסער מאס פון שעצונג צו די צורה פון דער באשעפער וואס טוט ארויסשיינען פון א מענטש'ס פנים.

## דיינע געטליכע קרובים

אודאי, איין אדער צוויי מאל איז נישט גענוג. עס פאדערט פיל עבודה און מיין נישט אז דו קענסט זיך ארויסדרייען דערפון. נאך אלעם, איז דאס תורה. און דו דארפסט דאס אויך פארצווייגן. צום ביישפיל, דו האסט חתונה, דו האסט קיינמאל נישט געזען די מחותנים'ס פאמיליע פריער. זיי קומען מיט א גאנצע מחנה פון שוואגערס און שוועגערינס און קאזינען; א גאנצע ארמיי פון קרובים וואס דו זעסט צום ערשטן מאל. איז דארפסטו זיך נעמען צו די ארבעט. אנשטאט צו טראכטן נארישע געדאנקען - דער האט צו א לאנגע נאז, און יענער האט רונדעכיגע אויגן אדער גרויסע ליפן אדער רויטע באקן - אנשטאט צו פארפאטשקען צייט מיט נארישקייטן, זיי פארנומען מיט דערקענען אויף יעדן באזונדער דעם צלם אלקים וואס דער באשעפער האט באשאנקען די מענטשהייט.

שטייסטו אזוי ביי דיין חתונה און דו באטראכסט זיי און דו טראכסט, "צלם אלקים, צלם אלקים, צלם אלקים." זיי קומען זאגן מזל טוב און דו שמייכלסט און זאגסט מזל טוב צו זיי, אבער די גאנצע צייט

טראכסטו פון דער צלם אלקים אויף וואס דו קוקסט; דו קוקסט אויף די גרויסקייט פון די נשמה, די גרעניצלאזער פאטענציאל פון שלימות וואס דער באשעפער האט אריינגעלייגט אין דער מענטש. יעדער פנים אויף וואס דו קוקסט, טראכט נישט אז דו קוקסט נאר אויף מר. רובין אדער חיים אדער מר. גרינבערג אדער דוד. עס איז דא אזויפיל מער דערצו; דו זעסט א נצחיות׳דיגע געלעגנהייט פאר שלימות.

## פארשפרייט די ידיעה

פארשטייט זיך אז איינמאל מיר זענען קונה דאס געפיל, וועט זיך עס פארשפרייטן אויך צו אנדערע. עס קען זיך פארשפרייטן צו דיינע עלטערן און געשוויסטער נאך א שטיק צייט. עס קען זיך פארשפרייטן צו דיינע שכנים. דאס איז א גרויסער פראיעקט, אבער איינמאל דו הייבסט אן ביסטו אויפ׳ן גוטן וועג. און דער אמת איז, נישט קיין חילוק וויפיל דו טראכסט פון דעם צווייטן׳ס פנים, זאלסטו וויסן אז דו טראכסט נישט גענוג. זאג נישט, ״אפשר גיי איך שוין איבער דער מאס.״ ניין, ס׳איז קיינמאל נישט צופיל.

מיר דארפן זיך טרענירן צו שעצן די גרויסקייט פון דער פנים פון א מענטש. דו זאלסט טראכטן און טראכטן און דאס פראקטיצירן פאר יארן ביז די מחשבה וועט פאקטיש ארייידרינגען אין דיין מח, אז דער פנים איז א צלם אלקים. דאס איז דער צוועק פון דער פנים; אונז צו ערוועקן דורך די חיצוניות צו שעצן דאס וואס ליגט אין דער פנימיות. איז ווען דו זעסט דער צלם אלקים אויף א מענטש׳ס פנים ווערסטו ערווארטעט דאס צו ניצן אלס א מיטל זיך צו ערוועקן צו שעצן די גרויסקייט וואס ליגט אין דער מענטש׳ס מח און זעל; צו זען דאס גדלות האדם, די גרויסקייט פונעם מענטש.

## דער וויכטיגסטער פנים

אלזא, איינמאל דו באקומסט די געוואוינהייט צו שעצן דער צלם אלקים פון אנדערע, נישט נאר וואס דו ווערסט ערוועקט צו די באוואוסטזיניגקייט פון אנדערע מענטש׳ס פאטענציאלע גרויסקייט, נאר דו וועסט אויך אנערקענען דעם צלם אלקים אויף דיין אייגענער פנים. און דאס איז די וויכטיגסטע באוואוסטזיניגקייט פון אלעם ווייל דאס ערוועקט אין דיר א רעאקציע. דו שפירסט אז עס איז באמת דא עפעס ספעציעל דארט; אז עס איז אייגנטליך דא א גרויסקייט וואס ווירבלט אין דיר. דו שפירסט זיך נענטער צום באשעפער און מער באוואוסטזיניג צו דער געוואלדיגער אחריות וואס דו האסט ווילאנג דו לעבסט, ווילאנג דער צלם אלקים טוט זיך נאך אפשפיגלען פון דיין פנים. דו גייסט נישט באקומען נאך א געלעגנהייט! דער יעצטיגער לעבנסגאנג איז דיין געלעגנהייט פאר גרויסקייט.

און כדי דו זאלסט נישט פארלירן דיין קאנצענטראציע אויף דער וויכטיגער ענין - אפילו אויף איין טאג - האט דער באשעפער געטון עפעס אויסנאם. לייג צו קאפ צו דעם. דער באשעפער האט באשאפן אומצאליגע פארשידנארטיגע סארטן פון באשעפענישן אין די וועלט וועלכע האבן נישט קיין באדערפעניש צו אפוואשן זייערע פנים׳ער. נאר דער מענטש דארף אפוואשן זיין פנים. חיות קענען זיך אויך רייניגן זייער פנים אבער ס׳איז נישט קיין פארגלייך צו א מענטשליכער פנים וואס ווערט פאר׳מיאוס׳ט ווען עס איז נישט געוואשן.

## סענסיטיווע הויט פון מענטשן

דער באשעפער האט ספעציעל געגעבן פאר מענטשן א מער סענסיטיווער פנים, א מער ספעציעלער פנים, כדי מיר זאלן האבן די נויטווענדיגקייט זיך צו וואשן אונזער פנים. אויב וואלטן מיר געהאט א פנים פון לעדער וואס וואלט נישט געפאדערט צו ווערן געוואשן וואלטן מיר דערלייגט דעם ריווח פון דער מוסר השכל וואס מיר דארפן אפלערנען פון אט די אויפגאבע.

דער באשעפער האט באשאפן א מענטש אין אזא אופן זיך צו דארפן אפט וואשן דעם פנים; ער האט אונז געגעבן א צורה פון אים און ער זאגט, ״געב אכטונג אויף דעם. מאך זיכער עס זאל בלייבן ריין.״ דאס מיינט אז ער וויל דו זאלסט נאכאנאנד ווערן דערמאנט איבער דיין גרויסקייט. ״געדענק די צורה וואס דו

טראגסט מיט זיך," זאגט אונז דער באשעפער, "זאלסט קיינמאל נישט פארלירן די קאנצענטרירונג אויף דיין געוואלדיגער נצחיות'דיגער פאטענציאל פון שלימות וואס דאס טראגט מיט זיך."

דערפאר איז וויכטיג דאס צו האלטן אין קאפ יעדן טאג. ס'איז א גלענצנדע געלעגנהייט זיך צו שטארקן אין אמונה. איידער דו גרייטסט זיך צו וואשן דיין פנים טראכט, "איך גיי יעצט וואשן דאס בילד פון דער קעניג." דאס איז וואס די גמרא זאגט. עס טוישט די גאנצע מהות פון דיין לעבן. "יעדן טאג רייניג איך דאס געשטעל פון דער קעניג."

## א מכובד'יגער פאסטן

אין מדרש ויקרא רבה (לד:ג) דערציילן אונז חז"ל איבער א פארצייטישער מנהג אין די טעג פון מלכים. כדי די צורה פון דער קעניג זאל ווערן געשעצט ביים ציבור, פלעגט ווערן אויפגעשטעלט דאס געשטעל פונעם קעניג אין טיאטערס און אנדערע עפנטליכע פלעצער וואו מענטשן פלעגן זיך איינזאמלען. און עס איז אויפגענומען געווארן איינער צו די אויפגאבע פון אפהיטן דאס געשטעל און עס רייניגן פון שטויב און וואשן פון צייט צו צייט.

**והן מעלין לו מזונות** - און דאס קעניגליך הויז פלעגט אים צוליב דעם שפייזן. דאס מיינט, ער האט פארדינט א מכובד'יגע פרנסה בלויז דערפאר וואס ער האט אכטונג געגעבן אויף דעם קעניג'ס געשטעל. און נישט נאר דאס, נאר **שהוא מתגדל עם גדולי מלכות** - ער איז געגרויסט געווארן צווישן די גרויסע לייט פון די מלוכה. אזוי האט זיך עס געפירט ביי די רוימער; זיי האבן געגעבן כבוד פאר דער וואס האט געברענגט כבוד פאר דעם קעניג'ס געשטעל. אויב ער איז יעדן טאג פארנומען מיט דעם כבוד פון דעם קעניג'ס צורה, דאן איז ער באמת וויכטיג.

## היטערס פון דאס געשטעל

אלזא, חז"ל טוען אונז נישט סתם אזוי דערציילן מעשיות. דאס איז א משל פאר אונז, אז מיר זאלן פארשטיין די וויכטיגקייט פון אכטונג געבן אויף דער צלם אלקים וואס דער באשעפער האט אונז געגעבן; עס מיינט נישט בלויז די פיזישע באוועגונגען - עס באדייט אז דו דארפסט אנערקענען אין די גרויסקייט, דער נצחיות'דיגער פאטענציאל, וואס דו פארמאגסט אין דיר. און דאס איז אזא וויכטיגע אויפגאבע, וואס בלויז דערפאר קומט דיר צו ווערן אנערקענט צווישן די אריסטאקראטן פון דער וועלט. דער קעניג שעצט די וועלכע טוען עס און ער איז מעלה מזונות דערפאר; עס קומט דיר צו באקומען דיינע באדערפענישן דערפאר. אודאי דארפסטו פראבירן טון אייגענע השתדלות פאר פרנסה אבער דיין הצלחה אין לעבן ווענדט זיך אין דיין אנערקענונג אין דעם יסוד אז דו טוסט מכבד זיין דעם באשעפער ווען דו שעצט דיין פנים און דאס וואס עס טוט ארויסצייגן.

דיין פנים איז א שפיגל פון באשעפער! ס'איז א צלם, אן אפשפיגלונג פון דער כבוד פון באשעפער! דערפאר דארפסטו שטענדיג אכטונג געבן אויף די אויסדרוקן אויף דיין פנים, עס זאל אלעמאל ארויסווייזן א נאבלקייט ווייל עס איז נישטא נאך אזא נאבעלע זאך אין דער וועלט. אודאי קען אויך די שענסט צורה ווערן פארקרימט. אין אמעריקע זענען מענטשן פארנומען צו לאכן, שמייכלען און מאכן נארישע פאקסן - צומאל ביי חתונות מאכן די פאטאגראפירערס פארשידענע טאקטיקן דיר צו ברענגען צו לאכן און מענטשן זיצן דארט מיט א נארישער שמייכל. אויב א מענטש מאכט נארישע פאקסן און טוט פארדרייען זיין פנים מיט אומזיניגע שמייכלען אדער פנים פארקרימונגען, טוט זיין פנים אויסדריקן א פארשוועכונג אויף דעם צלם אלקים.

## נאבעלע פנים'ער פאר נאבעלע מענטשן

אבער ווען דו ביסט באוואוסטזיניג אויף דעם צלם אלקים, קען נישט פאסירן אזא זאך. א מענטש

מיט באוואוסטזיניגקייט אויף זיין צלם אלקים האט א געוויסע זיסע נאבלקייט אויף זיין פנים; א זיסע ערנסטקייט - נישט צו ערנסט, נישט אומעטיג נאר א פשוט׳ע נאבלקייט וואס דריקט אמבעסטן אויס דער מהות פון א צלם אלקים.

אזוי וויכטיג איז צו אנערקענען דאס אז ווען דער באשעפער האט אריינגעאטעמט א נשמה אינעם מענטש, האט ער אריינגעאטעמט עפעס פון זיך. דאס מיינט אז א נשמה איז נצחיות. די גרויסקייט פון א מענטש איז אומשאצבאר! און דאס איז איינע פון די יסודות פון די תורה - אז א מענטש איז אזוי גרויס אז מיר קענען קיינמאל נישט משיג זיין די טיפקייט פון זיין חשיבות! נישט קיין חילוק וויפיל מיר וועלן רעדן איבער דעם, וועלן מיר קיינמאל נישט דערגרונטעווען די טיפקייט פון דאס חשיבות פון די מענטשהייט.

## אויסניצען די דערמאנונג

און נאר ווען א מענטש פארשטייט דאס גדלות האדם וואס דער באשעפער האט אונז געלערנט ווען ער האט באשאפן דעם מענטש, נאר ווען מיר נעמען אריין אין זיך די ווערטער פון דעם פסוק, "אין דעם פארעם פון אלקים, האט דער באשעפער באשאפן דער מענטש," האבן מיר דעם שליסל צו פארשטיין די ווערטער אין די הייינטיגע פרשה מיט וואס מיר האבן אנגעהויבן דעם שיעור: **כִּי קִלְלַת אֱלֹקִים תָּלוּי** - דער מענטש וואס הענגט איז א פארשוועכונג פאר׳ן באשעפער.

דער ארעמער זינדיגער מענטש וועלכער איז אויפגעהאנגען געווארן פאר דעם ציבור צו זען, כדי צו מחזק זיין געטריישאפט צום באשעפער, דארף פונדעסטוועגן אראפגענומען ווערן וואס פריער ווייל עס איז א פארשוועכונג אז א מענטש וועלכער האט געהאט אזא פאטענציאל פאר גרויסקייט, אזויפיל נאבלקייט און שלימות וואס דער באשעפער האט איינגעפלאנצט אין אים, זאל האבן פארשווענדעט די געוואלדיגע געלעגנהייט פון א לעבן.




עס איז נאר ווען א מענטש שפאנט אויף די ערדישע וועלט, טראגנדיג מיט זיך די צורה פון דער קעניג און טוט נישט אנערקענען וואס ער טוט אפשפיגלען, נאר דאן קען ער צוקומען צו אזא דערנידערונג. אויב א מענטש טראגט מיט זיך א בילד פון דער קעניג און ער מיינט אז ער טראגט בלויז א זאק מיט עפלען, איז ער א דורכפאל! ער דארף וויסן די ווערד פון וואס ער טראגט און ווי אזוי דאס מאכט אים אזוי גרויס אויף די וועלט. ווייל ווילאנג דאס הארץ קלאפט אין א מענטש, ווילאנג ער אטעמט, טוט דער צלם אלקים - די גרויסקייט פון זיין נשמה - ארויסשיינען פון זיין נאבעלער פנים און דערמאנט אים און אנדערע פון זיין נצחיות׳דיגע גרויסקייט וואס ער דארף אלעמאל פראבירן צו ארויסציען פון זיין נשמה.

# שאלות ותשובות

## מיט ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

## שאלה:

**וואס איז פשט אין דער מאמר חז״ל וואס זאגט אז מיר דארפן נזהר זיין מיט ארעמע קינדער ווייל פון זיי וועלן ארויסקומען תלמידי חכמים?**

## תשובה:

אין מסכת נדרים (פא.) שטייט **שלחו מתם** - זיי האבן געשיקט א שליחות פון ארץ ישראל: **הזהרו בבני עניים** - זייט געווארנט מיט די קינדער פון די ארעמעלייט, **כי מהם תצא תורה** - ווייל פון זיי וועט ארויסקומען תורה.״ תורה קומט פון ארעמע קינדער. פרעגט דער ר״ן: פארוואס פון ארעמע קינדער? פארוואס דוקא פון ארעמע פאמיליעס וואקסן אויס תלמידי חכמים? און ער ענטפערט אז ווייל די ארעמע קינדער האבן גארנישט אויסער תורה.

איר הערט דאס? א רייכער אינגל האט א ביציקל און אפשר אויך עלעקטראנישע און פארשידענע סארט טייערע שפילצייגן. ער האט אסאך זאכן וואס זאלן אים האלטן פארנומען. ברוך ה׳, ווען איך בין געווען א אינגל האב איך קיינמאל נישט פארמאגט קיין ביציקל. איך בין געווען אזא ארעמער אינגל אז ווען איך האב געוואלט קויפן א קליינער האמער - ס׳האט געקאסט פינף און צוואנציג צענט אין יענע טעג - האב איך זיך עס נישט געקענט ערלויבן! ס׳האט מיר גענומען א לאנגע צייט ביז כ׳האב זיך ענדליך אנגעזאמלט פינף און צוואנציג צענט און זיך געקויפט א האמער. ס׳איז געווען א גרויסע זאך פאר מיר! מיר האבן נישט פארמאגט קיין שום שפילצייגן.

ארעמע קינדער האבן פיל ווייניגער געלעגנהייטן צו פארפאטשקעט זייער לעבן! ברוך ה׳! אלזא, הזהרו - זייט געווארנט, בבני עניים, מיט די ארעמע, כי מהם תצא תורה, ווייל פון זיי וועט ארויסקומען תורה. און דער ר״ן זאגט אז ווייל זיי האבן גארנישט עפעס אנדערש אויסער לערנען. דאס איז דער פשט.

אצינד ווייסט איר אז קינדער וואס האבן אזויפיל גוטע זאכן, איז דאס זייער א גרויסער פראבלעם.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי״ת,
אדער ווען איר נויטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין ״תורת אביגדור״ רופט:**

**347-755-8860**

yiddish@torasavigdor.org

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן